בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

## פרשת תצוה תשע"ו

## גליון 348 [שנה ח']

**וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר:** (כ"ז כ') פרעגן אלע פארוואס שטייט וְאַתָּה, עס וואלט געקענט נאר שטיין תְּצַוֶּה | אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל? נאר עס שטייט אין גמ' (עירובין דף נ"ד) ביז משה האט צובראכן די לוחות האט מען נישט פארגעסן די תורה וואס מען האט געלערנט, אזוי ווי די לוחות איז געווען איינגעקריצט אין די שטיין, נאר משה האט גורם געווען שכחה ביים לערנען, דעריבער שטייט וְאַתָּה, דו משה, וואס האסט גורם געווען שכחה, תְּצַוֶּה | אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, מדה כנגד מדה, און באפויל די אידן: וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ, זיי זאלן נעמען שֶׁמֶן זַיִת זָךְ, אזוי ווי די גמ' (הוריות דף י"ג) זאגט, שמן זית יפה,איז גוט, לשכחה, מען זאל נישט פארגעסן וואס מען האט געלערנט, וועט זיין כָּתִית לַמָּאוֹר, די תורה וועט לייכטן און מען וועט געדענקען וואס מען האט געלערנט. (שער בת רבים)

**וְאַתָּה תְּצַוֶּה:** (כ"ז כ') פרעגן די מפרשים פארוואס שטייט דא דער לשון פון תְּצַוֶּה, א ציווי, און אין פרשת תרומה ביי די תרומת המשכן שטייט נאר ויקחו אליך תרומה אן א לשון פון תְּצַוֶּה– א באפויל? נאר די גמ' זאגט (קידושין כט.) אין צַו אלא לשון זירוז מיד ולדורות, אז דער לשון ציווי איז ווארענונג אויף א זאך וואס עס פירט זיך יעצט און אויך אויף לדורות. ממילא אין פרשת תרומה וואס מען רעדט וועגן דעם משכן וואס איז געווען א מצוה נאר לשעה, און נאר אויף דעמאלטס איז געוען די מצוה, שטייט נישט א לשון ציווי, אבער יעצט ביי די בגדי כהונה וואס איז נוהג לדורות, אויך שפעטער, שטייט דער לשון תְּצַוֶּה א ציווי לדורות. מיט דעם מהלך איז גוט פארוואס אין פרשת פקודי נאך יעדן עשיה פון די בגדי כהונה וואס איז נוהג לדורות, שטייט כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת־מֹשֶׁה, אבער אין פרשת ויקהל נאך עשיית המשכן שטייט נישט כַּאֲשֶׁר צִוָּה. מיט דעם איז א חידוש פשט פארוואס אין פרשת פקודי (לט א) שטייט "וּמִן־הַתְּכֵלֶת וְהָאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת הַשָּׁנִי עָשׂוּ בִגְדֵי־שְׂרָד לְשָׁרֵת בַּקֹּדֶשׁ וַיַּעֲשׂוּ אֶת־בִּגְדֵי הַקֹּדֶשׁ אֲשֶׁר לְאַהֲרֹן כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת־מֹשֶׁה" פארוואס האט מען אפגעטיילט די בגדי קודש פון די בגדי השרד ווייל וואס מיינט עָשׂוּ בִגְדֵי־שְׂרָד און וַיַּעֲשׂוּ אֶת־בִּגְדֵי הַקֹּדֶשׁ? נאר ווייל די בִגְדֵי־שְׂרָד איז נאר געווען לשעה, שטייט עָשׂוּ בִגְדֵי־שְׂרָד, און נאכדעם אז מען רעדט וועגן בִּגְדֵי קֹדֶשׁ, וואס דאס איז שוין לדורות, דא שטייט שוין כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת־מֹשֶׁה, ווייל צַו מיינט לדורות. (מרן הגרי"ז הלוי מבריסק)

**וְאַתָּה תְּצַוֶּה | אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל:** (כ"ז כ') פרעגן די מפרשים פארוואס ביי תרומה שטייט "דבר אל בני ישראל" –רעד צו די אידן– און דא שטייט "תצוה את בני ישראל" באפויל? נאר ביי די משכן איז געווען די נדבות נאר לפי שעה, וואס מען האט געדארפט צו בויען א משכן מה שאין כן דא איז דער ציווי לכל הדורות אזוי ווי עס שטייט אין ספרי פ' נשא, און אין תורת הכהנים (פ' צו) כל ציווי אינו אלא מיד ולדורות. (רשב"ם און חזקוני) קומט אויס לויט דעם אז די הדלקת הנרות איז לדורות, אפילו ווען עס איז נישטא דער בית המקדש, מיט דעם איז גוט וואס דער רמב"ן ברענגט אין אנפאנג פ' בהעלותך וז"ל אבל לא רמזו אלא לנרות חנכת חשמונאי, שהיא נוהגת אף לאחר החורבן בגלותנו", אז די ענין פון בהעלותך את הנרות, מיינט אויך מרמז צו זיין אויף הדלקת הנר נאכן חורבן בית המקדש, ממילא דער ציווי לדורות גייט ארויף אויף נר חנוכה בזמן הזה. און דער הייליגער קדושת לוי זאגט אז דער פסוק גייט ארויף אויף הדלקת נר שבת. ווייל ציווי איז לדורות, אויף נצחיות! (שמח זבולון)

**וְלִבְנֵי אַהֲרֹן תַּעֲשֶׂה כֻתֳּנֹת וְעָשִׂיתָ לָהֶם אַבְנֵטִים וּמִגְבָּעוֹת תַּעֲשֶׂה לָהֶם לְכָבוֹד וּלְתִפְאָרֶת:** (כח מ) ראשית דארף מען פארשטיין פארוואס דארף שטיין אויסגערעכענט ביי יעדן בגד באזונדער וְעָשִׂיתָ? אויך איז שווער אין דעם פסוק פארוואס שטייט ביי כֻתֳּנֹת, – וְלִבְנֵי אַהֲרֹן תַּעֲשֶׂה כֻתֳּנֹת , און נאכדעם ביי אַבְנֵט שטייט – וְעָשִׂיתָ לָהֶם אַבְנֵטִים, און ווייטער ביי מִגְבָּעוֹת שטייט –וּמִגְבָּעוֹת תַּעֲשֶׂה לָהֶם, ביי יעדן בגד א עקסטרע לשון פון עשיה ווען עס וואלט געקענט פשוט שטיין וְלִבְנֵי אַהֲרֹן תַּעֲשֶׂה כֻתֳּנֹת אַבְנֵטִים וּמִגְבָּעוֹת? כדי דאס צו פארשטיין קען מען זאגן לויט וואס די גמ' זאגט (ערכין טז.) אז אזוי ווי קרבנות זענען מכפר אזוי אויך האבן די בגדי כהונה מכפר געווען יעדע איינע אויף א אנדערע עבירה. קומט אויס אז דער וואס האט געמאכט די בגדים האט געמוזט מכוון זיין ביים מאכן וואס דער בגד איז מכפר. און אויך פאר ווען ער מאכט דאס ווייל די קדושה פון כהן גדול איז מער פון א כהן הדיוט, דעריבער איז פארענטפערט פארוואס דארף שטיין ביי יעדן בגד וְעָשִׂיתָ מרמז זיין אויף זיין כוונה. סיי פון דעם כפרה פון בגד און סיי פארן כהן. און דאס איז מרומז אין דעם פסוק, וְלִבְנֵי אַהֲרֹן תַּעֲשֶׂה כֻתֳּנֹת אז מען דארף מכוין זיין ביים מאכן די כֻתֳּנֹת אז זיי זענען א כפרה אויף שפיכת דמים און אויך, לִבְנֵי אַהֲרֹן, וואס מען דארף מכוין זיין לויט די קדושה פון כהן, און ווייל די בגדים אין דעם פסוק איז פאר די בני אהרן, דעריבער דארף מען די בגדים לויט זייער קדושה, און דער פסוק פירט אויס לְכָבוֹד וּלְתִפְאָרֶת, אז מען וועט מאכן אלע בגדים מיט די ריכטיגע כוונות וועט די בגדים טאן וואס זיי דארפן וועט זיין א כבוד און א שיינקייט.

(רחובות הנהר טעננענבוים)

**אינטרעסאנטע ידיעה אויף וואס איז דער אפוד מכפר**

ועשו את האפוד: (כ"ח ו) שטייט אין (מסכת זבחים פ"ח:) אז די אפוד האט מכפר געווען אויף די חטא פון עבודה זרה. אויב אזוי איז שווער אז מיר וויסן די גמ' (יומא דף ט:) אז דער בית המקדש הראשון איז חרוב געווארן וועגן די זינד פון עבודה זרה, איז שווער פארוואס האט דער אפוד נישט בייגעשטאנען פאר די אידן און מכפר זיין אויף עבודה זרה, ממילא וואלט דער בית המקדש נישט געדארפט חרוב ווערן?

עס איז דא עטליכע תירוצים:

1] הגאון ר"ח קנייבסקי שליט"א ענטפערט אז די אפוד איז נאר מכפר אויף מחשבה פון עבודה זרה אבער נישט אויף דינען עבודה זרה.

2] נאך א תירוץ, אז די אפוד האט מכפר געווען נאר אויף די זינד פון יחידים אבער ביי בית הראשון איז מעגלאך אז רוב אידן האבן געזינדיגט, און אויף דעם איז די אפוד נישט מכפר.

3] נאך א תירוץ, די גמ' זאגט (מס' שבועות דף ז:) אז די אפוד איז נאר מכפר אויב מען האט עובר געווען במזיד אבער אן א התראה אדער א שוגג וואס דער בעלים ווייסן נישט אז זיי האבן געטאן א עבירה, אבער א עבירה במזיד און מיט התראה איז חייב מיתה און אויף מיתה איז די אפוד נישט מכפר, און דעמאלטס איז געווען במזיד און די נביאים האבן כסדר געווארענט כלל ישראל נישט דינען עו"ז.

4] נאך א תירוץ, ווייל רש"י זאגט (מס' זבחים דף פח:) אז די אפוד האט באשיצט אויף אנדערע אידן וואס האבן נישט געזינדיגט, זיי זאלן נישט באשטראפט ווערן וועגן די עוברי עבירה, אבער די עוברי עבירה אליין האט די אפוד נישט באשיצט. וועגן דעם איז די בית המקדש חרוב געווארן.

(ספר מרפסין איגרי)

# מדור העובדות

## *געפראוועט א רפואה מיט א סעודה בשעת אלע האבן געפאסט*

אין שטאט אוסטרהא האט געוואוינט א איד ר' יוזפא וואס איז געווען די פרנס הקהילה, ער איז געווען א גרויסער עושר און האט אויסגעהאלטן אין שול א קבוצה פון תלמידי חכמים כדי זיי זאלן זיצן און לערנען. ער איז אויך געווען אליין א תלמיד חכם. וואס האט אויסגענוצט זיין פרייע צייט צו פארברענגען מיט זיינע תלמידי חכמים.

איין טאג נאך מעריב גייט ארויף ר' יוזפא אויפן בימה און בעט די תלמידי חכמים אז ער דארף וויכטיג רעדן פאר זיי. די ת"ח האבן זייער געשעצט ר' יוזפא און מיט אינטערעס האבן זיי זיך אוועק געזעצט צו הערן וואס ר' יוזפא וויל פון זיי. ר' יוזפא הויבט אן צו זאגן אז די לעצטע שטיק צייט האט זיין טאכטער באקומען א מחלה וואס מען האט דאס באהאנדלט דורך די דאקטוירים, מען האט נישט געקוקט אויף געלט און געטאן וואס נאר מעגלאך, אבער יעצט האט זיך די מחלה פארערגערט און די דאקטוירים געבן נישט קיין האפענונג. אבער מיר אידן ווייסן אז איבער תפילות איז נישטא, און בפרט מיט אייער כח התורה קען מען פויעלן א רפואה, דעריבער בעט איך אייך אז איר זאלט מקבל זיין צו פאסטן מארגן, און שטארק בעטן פארן געזונט פון מיין טאכטער. איך וועל אייך יעצט צוגעבן געלט צו אייער געהאלט.

די תלמידי חכמים האבן נישט געוואלט נעמען קיין געלט פארן מתפלל זיין וויל זיי האבן מיט געפילט די צער פון זייער געטרייע פרנס, אבער ר' יוזפא האט געבעטן אז זיי זאלן נעמען די געלט וויל אין זכות פון צדקה וועט זיין טאכטער האבן א רפואה. יעדער האט באקומען זיין געלט און אהיימגעגאנגען און מודיע געווען אין שטוב וועגן דעם תענית און אז מען זאל שטארק מתפלל זיין פאר די רפואה פון די טאכטער פון ר' יוזפא.

בליץ שנעל האט זיך פארשפרייט די ידיעה אין שטאט וועגן דעם שווערן מצב פון חולה, און אז די תלמידי חכמים האבן זיך מקבל געווען צו פאסטן, און וועגן דעם האבן א גרויסער חלק פון שטאט וואס האבן געהאט א שעצונג פארן חשובן פרנס, אויך פארגענומען צו פאסטן און מתפלל זיין פאר א רפואה.

אלע האבן פארגענומען צו פאסטן חוץ איין איד וואס איז געווען די ארי שבחבורה פון די תלמידי חכמים וואס ר' יופא האט אויסגעהאלטן, א קדוש און א צדיק וואס האט געהייסן ר' יצחק. ער איז אויך געווען א מגיד אין שטאט אוסטרהא. -שפעטער איז ער נתפרסם געווארן, דאס איז געווען ר' יצחק מדראהביטש זצוק"ל די הייליגער טאטע פון הרה"ק ר' יחיאל מיכל, דער זלאטשובער מגיד זיע"א.- ר' יצחק קומט אהיים און דערציילט פאר זיין ווייב אז ר' יוזפא האט געגעבן מער געלט פאר די בני הישיבה און זאגט איר צו גיין און קויפן די בעסטע פלייש און ירקות און זי זאל קאכן א שיינע סעודה לכבוד די רפואה פון טאכטער פון ר' יוזפא.

די ווייב פרעגט אפשר זאל מען בעסער איינקויפן פון די געלט אויף שב"ק? אבער ר' יצחק באפוילט איר צו קויפן די זאכן אויף מארגן! זי גייט צום קצב און בעט די טייערסטע פלייש און גייט אין מארק און בעט פון אלעס די טייערסטע. א וואונדער האט זיך געשאפט וויל אלע האבן געוואוסט די איינגעהאלטנקייט פון די פרוי וואס האט כמעט גארנישט געקויפט, און יעצט אין א מיטן וואך טאג קויפט זי כיד המלך, אבער יעדער האט געשעצט די גרויסקייט פון ר' יצחק און האבן פארשטאנען אז עפעס טוט זיך דא אפ.

דערוויל די מענטשן פון שטאט און די תלמידי חכמים פאסטן און בעטן שטארק פאר א רפואה, אבער ביי ר יצחק אין הויז גרייט מען אן א סעודה כיד המלך און ווען די עסן איז גרייט גייט ר' יצחק און זיין ווייב זיך פראווען א גרויסע סעודה. דאס האט שנעל אנגעקומען צו די מענטשן פון שטאט וואס האבן נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי טוט ר' יצחק פראווען יעצט א סעודה ווען אלע תלמידי חכמים פאסטן! אבער קיינער האט נישט געוואלט זאגן אווארט און טראכטן עפעס שלעכטס אויפן צדיק ר' יצחק. דער טאג איז אריבער מיט פאסטן און תפילות און עס איז געווען א האפענונג אז דער אויבערשטער וועט זיך צו הערן צו זיי.

אויף צו מארגנ'ס האט דער דאקטער געמאלדן אז עס איז דא א שטיקל ענדערונג אויף בעסערס און ר' יוזפא איז געווען זייער צופרידן און האט איבערגעגבן אין שול נאך מעריב וועגן די גוטע נייעס, און האט געבעטן מען זאל ווייטער מתפלל זיין און צוגעזאגט אז ער וועט מאכן א גרויסע סעודת הודאה ווען די טאכטער וועט ווערן געזונט. אין א פאר טעג ארום איז די טאכטער געווארן אינגאנצן געזונט און ר' יוזפא האט געדאנקט די אלע וואס האבן געפאסט און באשטימט א טאג וואס ער גייט פראווען א סעודת הודאה.

ביים סעודה האט ר' יוזפא געמאכט א אויבן אן טיש און געזעצט לעבן זיך דער ארי שבחבורה הרה"ק ר' יצחק. אבער אינמיטן סעודה נעמט זיך ר' יוזפא פרעגן ר' יצחק אז ער פארשטייט נישט, אז ער האט באקומען געלט כדי ער זאל פאסטן, און צום סוף נישט נאר וואס ער האט נישט געפאסט נאר אויך געמאכט א גרויסע סעודה! און ר' יצחק בלייבט שטיל נישט וועלן ענטפערן! אבער ווען די חבירים פון ישיבה האבן זיך ארייגעמישט אין די טענה, האט ר' יצחק געזאגט ער וועט זיי קלאר ענטפערן וואס איז געווען זיין כוונה:

ר' יצחק האט געזאגט אז ער האט געזען אז די טויערן פון רחמים זענען געווען פארשלאסן. און ער האט גענדארפט עפעס טאן צו מעורר זיין די מלאכי רחמים. האט איך געטראכט אז אויב ער וועט זיך משתתף אין זייער תענית וועט נישט זיין א רעש מיט דער וואס ער פאסט וויל ער פאסט כמעט יעדן טאג. דעריבער האב איך דוקא אין דעם טאג וואס אלע פאסטן, וועל איך עסן א סעודה כיד המלך און עס איז געווארן א רעש אין הימל וואס טוט זיך דא אז ר' יצחק עסט א סעודה בשעת אלע פאסטן! און פון וואו האט ער געהאט געלט צו קויפן אזא גרויסע סעודה? און מען האט אויסגעפונען אז די געלט האט ר' יוזפא געגעבן כדי זיין טאכטער זאל האבן א רפואה, איז געווארן א רעש אין הימל און די מלאכי רחמים האבן געזאגט אז ר' יוזפא האט דאך אזוי פיל זכותים מיט דעם וואס ער האלט אויס תלמידי חכמים און דורך דעם האט זיך געעפענט די שערי רחמים און מען האט גוזר געווען אז די טאכטער זאל האבן א רפואה.

ר' יוזפא האט אנגעהויבן צו וויינען פון רוב התרגשות און האט איבער געבעטן ר' יצחק מיט דעם וואס ער האט אים חושד געווען. וויל פארקערט מיט זיין סעודה האט ער גאר אויפגעטאן, און די אלע פאסטן וואלט סיי ווי נישט געהאלפן. דעמאלטס איז געווארן גרויס דער נאמען פון ר' יצחק, און ר' יוזפא האט געשיקט פאר די שטוב פון ר' יצחק א גרויסע סומא געלט וואס האט פארלייכטערט זייער מצב. שפעטער איז ער געווארן א מגיד אין שטאט דרוהאביטש.

עס איז באקאנט עטליכע סיפורים ביי צדיקים וואס מען האט גענדארפט א ישועה און די צדיקים האבן געהייסן מאכן א סעודה און מען איז געהאלפן געווארן. און זיי האבן געברענגט א ראיה פון פסוק סְעָדֵנִי וְאִוָּשֵׁעָה וְאֶשְׁעָה בְחֻקֶּיךָ (תהלים קיט קיז) דורך סְעָדֵנִי א סעודה, איז וְאִוָּשֵׁעָה, און מען וועט ווערן געהאלפן. (ס' שובה ישראל)